

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

יום כיפור
תשפ"ד לפ"ק
גליון פ"ט

## שאלה

**אויב א מענטש טוט נאך ווייטער עבירות, איז דא סיי-וועלכע פשט אין זיין תשובה-טון?**

## ענטפער:

זיכער! און א חלק פון זיין תשובה איז אז ער זאל בעטן דעם באשעפער אז ער זאל אים העלפן צו קענען אויפהערן טון עבירות. איך וועל עס מסביר זיין: ווען א מענטש טוט אן עבירה און ער איז פרייליך דערמיט, איז די עבירה סך גרעסער. אבער ווען ער טוט אן עבירה אבער ער שעמט זיך און ער שפירט זיך שלעכט פאר'ן עס טון, דאן איז די עונש קלענער. יא; אפילו ער טוט עס נאך אלץ, איז עס אבער קלענער.

דער חפץ חיים ז"ל האט געשריבן א ספר פאר אידישע סאלדאטן. אין יענע צייטן זענען זיי רעקרוטירט געווארן צו די רוסישע ארמיי און זיי האבן געדארפט עסן טריפה'נע מאכלים. און דער חפץ חיים שרייבט אין זיין ספר: "אויב איר מוזט עסן טריפות, דאן ווען איר ענדיגט, נאגט נישט אויס די זאפט פון דיביינער". וואס מיינט, ווייז אז דו האסט נישט קיין הנאה דערפון. דו עסט עס נאר צו ראטעווען דיין לעבן פון הונגער.

וועגן דעם, ווען א מענטש טוט ח"ו א חטא, אן עבירה, אפילו א גרויסע עבירה; לאמיר זאגן ער האט ר"ל מחלל שבת געווען, אבער ער שפירט זיך שלעכט פאר'ן מחלל שבת זיין; איז עס שוין א מדריגה, ס'איז שוין א שטאפל נענטער צו תשובה. צו שפירן שלעכט איז א מדריגה; מען האלט שוין ערגעץ. זיכער, ס'איז נישט קיין תשובה שלימה, זייער ווייט פון דעם, אבער ס'איז א גרויסע זאך. "העושה עבירה ומתבייש בו", אויב א מענטש טוט אן עבירה און ער שעמט זיך דערמיט, איז עס זייער א גרויסע זאך.

און דערפאר לוינט זיך אפילו פאר בעלי עבירה צו בעטן השי"ת פאר מחילה. נאר זיי זאלן צולייגן "איך בעט דיר באשעפער, העלף מיר אז איך זאל קענען צוקומען צו אמת'ע תשובה שלימה". (טעיפ 613)

## שאלה

**וויאזוי איז דער "שעיר המשתלח" - די ציג וואס מעןווארפט אראפ יום כיפור פונעם בארג - מכפר אָן תשובה?**

## ענטפער:

מיר דארפן פארשטיין אז דער שעיר המשתלח איז אייגנטליך **א לימוד**, און די מענטשן דעמאלטס האבן פארשטאנען וואס עס קומט צו לערנען. א לימוד, אפילו אויב עס טוישט נישט די מעשים, טוישט עס אבער די מחשבה, און **טוישן די מחשבה איז שוין א תשובה**.

וואס קומט די שעיר המשתלח צו לערנען? יעדער ווייסט אז די "שעיר" סימבאליזירט "עשו". עשיו איז געווען א האריגער מענטש, און דער ציג איז די סימבאל פון עשיו.

יום כיפור האט מען גענומען א ציג און עס אראפגעווארפן א בארג און עס איז צעשמעטערט געווארן. דאס טוט סימבאליזירן דאס פאלגענדע: "ונשא השעיר עליו את כל עונותם אל ארץ גזירה" (אחרי מות, כ"ב, א) - די שעיר וועט אוועקטראגן די עבירות צו א פארלאזטע לאנד.

חז"ל זאגן, "ונשא השעיר, זה עשו", עשו וועט אוועקטראגן "את עונותם" - **עונות-תם**, די זינד פון יעקב, וואס ווערט אנגערופן איש תם. אויב עשו ווערט אראפגעווארפן פון א שפיץ-בארג און ווערט צעשמעטערט, דאן ווערט יעקב אן **איש תם**, ער ווערט נאכאמאל גאנץ, בשלימות. וואס מיינט דאס? עס מיינט עפעס וואס מיר דארפן לערנען דערפון, און זיי האבן עס גוט אפגעלערנט אין יענע צייטן. זיי האבן פארשטאנען אז אונזער גרעסטע פראבלעם אין דער וועלט איז די **השפעה** פון עשו. אויב קענען מיר זיך אפשאקלען פון עשו, אויב קענען מיר **פטור ווערן פון די איינפלוס פון די אומות העולם** - און אודאי איז אין דעם אריינגערעכנט די אידן וועלכע גייען נאך די וועגן פון עשו - דאס איז די וויכטיגסטע תשובה וואס איז נאר דא. דאס איז נומער איינס.

זיכער איז נאך דא די "שאור שבעיסה", די גמרא זאגט אז צוויי זאכן זענען גורם צו טון עבירות: "שאור שבעיסה" די זויער-טייג אין די טייג, "ושיעבוד מלכיות" און אונזער זיין אונטערטעניגט צו די אומות העולם. די שאור שבעיסה איז די אינערליכע יצר הרע אין יעדן פון אונז.

אבער עס איז דא אן אנדערע יצר הרע וואס נעמט אונז נאך מער ארום, די כלליות'דיגע יצר הרע פון נאכגיין די וועגן פון די גוים. אלע שוואכע אידן אין אמעריקע זענען תלמידים פון עשו. אויב קוקט מען וואס זיי טוען, זעט מען אז אלעס קומט פון נאכמאכן די אלגעמיינע גוי'אישע לעבנ'ס-שטייגער. די פריצות, די כפירה, און אלע סארט רשעות איז נישט קיין אידישע פראדוקט. אפילו די עבודה זרה וואס איז געדינט געווארן אמאליגע צייט דורך געוויסע אידן זענען פשוט געווען נאכגעמאכט די גוים; אלעס איז געווען נאכגעמאכטע עבודה זרה'ס פון די גוים.

וועגן דעם איז אונזער ערשטע פראבלעם זיך צו אפשאקלען פון די גוים, פטור צו ווערן פון די איינפלוס פון די דרויסנדיגע וועלט.

## שאלה

## פארוואס פאסטן מיר יום כיפור? מען וואלט דאך אנשטאט דעם געקענט עסן און דאנקען השי"ת פאר זיין חסד?

## ענטפער:

איך וואלט נישט געמאכט קיין ווערטל אויב איך וואלט ווען געזאגט אז דאס איז טאקע וואס מיר טוען, ווייל מוצאי יום כיפור איז א געוואלדיגע געלעגנהייט צו דאנקען דעם אויבערשטן פאר שפייז. יעצט, איך זאג נישט אז דאס איז טאקע די ציל, אבער לאזט נישט דורכגיין דעם געלעגנהייט. ווען מען קומט אהיים מוצאי יום כיפור און מען זעצט זיך אראפ ביים טיש, זאל מען **פראקטיצירן** צו שעצן ווי געוואלדיג עס איז די ערפארונג פון טרונקען א גלאז וואסער. אהה! א גלאז וואסער! מען וועט יעצט דארפן ווארטן א לאנגע צייט ביז מען האט נאכאמאל דעם געלעגנהייט. פראקטיצירט די שמחה פון אריינזינקען די ציינער אין א רעפטעל ברויט, און טראכט: **פותח את ידך! נותן לחם לכל בשר!** און טראכט די סארט מחשבות.

מען קען דערגרייכן אויסטערלישע זאכן מוצאי יום כיפור, און דערפאר דארף מען האבן 24 שעה פון גארנישט עסן כדי צו קענען שפירן די חסד וואס עס ליגט אין עסן. ס'איז זייער וויכטיג! יעצט, איך האב געזאגט אז עס הערט זיך קאמיש, אבער דאס איז איינס פון די זייטיגע רווחים פון יום כיפור, אבער עס איז דא נאך א גרעסערע צוועק.

די גרעסערע מטרה פון פאסטן איז, אז פאר איין גאנצע טאג ווילן מיר ארויסנעמען פון די מחשבה **יעדע סארט** זאך, אז מען זאל גארנישט האבן אין קאפ חוץ **השם לבדו**. מען זאל גארנישט דארפן טראכטן, נישט פון עסן, נישט פון טרונקען, נישט פון ארבעטן, מען האט גארנישט אינזין אויסער השי"ת. מען דארף עס פראקטיצירן, אז מען זאל קענען מיטנעמען אויף שפעטער. אויב יום כיפור וועט מען קונה זיין די ידיעה אז "ונשגב ה' לבדו", נאר דער באשעפער אליינס איז וויכטיג פאר אונז, און מען קען איין טאג ארויסנעמען פון די מחשבה אלע אנדערע געדאנקען, דאן ווען עס וועט קומען סוכות וועט מען קענען טון וואס מען וויל. אבער מען דארף פאר א שטיק צייט פראקטיצירן צו טראכטן בלויז פון השם לבדו, כאטש איין טאג אין יאר.

איין טאג ווערן מיר אזוי ווי מלאכים, וועלכע שטייען פארגאפט פון די כבוד פון השי"ת און זינגען זיין לויב, און דאס טוען מיר נאכמאכן יום כיפור.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו info@torasavigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com


בס"ד
שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
וועכענטליך אויף אימעיל
עונג שבת
אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
וביום השמיני ימול בשר ערלתו
נאר אידיש
עונג שבת
לה"ק-אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
וביום השמיני ימול בשר ערלתו
לה"ק אידיש
$4.00
מרגניתין
לקט מובחר מגליונות בלשון הקודש על
פ' שמיני
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר לשון הקודש
$1
א וואך
מועדים $3
ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק
זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתעגג: 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**